## ליעוו, מאַרק — (אַרום ...185 — ) — אין

די 80ער יאָרן געלעבט אין קעשעניעוו, וואו ער האָט זיך באַשעפֿטיקט מיט אַדוואָקאַטור. פֿאַרעפֿנטלעכט אַ זאַמלונג לידער: נײַע מאָטיוון פֿאַר דעם ייִדישן פֿאָלק (קעשעניעוו, 1886), געשריבן אין קריסטלעכן גײַסט, און אַ פּאָעמע האָדעל (קעשעניעוו, 1888), אַ באַאַרבעטע סענטימענטאַלע טעמע, וואָס איז אין יענער צײַט געווען נײַ און אַפֿילו דרייסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט נישט קיין שלעכטע גראַמען איז אין דער פּאָעמע געשילדערט דער רירנדיקער גורל פֿון אַ ייִדישער געפֿאַלענער פֿרוי. חוץ דעם איז אויך באַקאַנט זײַנס אַ ליבע־ליד, געשריבן אין לײַכטע קלינגענדיקע פֿערזן און אָפּגעדרוקט אינעם זמ״ב דער קליינער וועקער, אָדעס, 1890. שפּעטער האָט ער אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד, וואו ער זאָל האָבן געווען נאָענט מיט דאָרטיקע מיסיאָנערן.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 2.

## ליעסין־וואָלט, אַבֿרהם — (1019 מאַי, 1872 — 5טן נאָווי, 1938)

— געב׳ אין מינסק בײַ עלטערן, וואָס האָבן געשטאַמט פֿון גרויסע רבנים און תּלמידי חכמים. פֿון פֿאָטערס צד — ר׳ אײַזעלע חריף, פֿון דער מוטערס צד — דער מהרש״ל, דער בעל הלבֿוש און ר׳ רפֿאל האַמבורגער, וואָס דער גרויסער ייִדישער שתּדלן אין דײַטשלאַנד, גבֿריאל ריסער, איז געווען זײַנס אַן אייניקל. אַז ל׳ איז נאָך געווען אַ קינד, האָט ער שוין אַרויסגעוויזן זײַן שאַרפֿן מח, גרויסע תּפֿיסה און אומגעוויינטלעכן זכּרון. צו 7־8 יאָר איז ער שוין געווען אויסגעבונדן אין תּלמוד. אויף זיך אַליין האָט ער געזאָגט, אַז ער איז געווען אַ קליינער מתמיד און אַ גרויסער שטיפֿער. זײַן חבֿר, ד״ר ש. לואיס, וואָס האָט מיט אים געלערנט אין איין חדר, דערציילט אין זײַנע זכרונות, ווי דער קליינער אַבֿרהמל האָט זיך געלאָזט אָנוואַקסן דעם נאָגל אויפֿן גראָבן פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט און, אַז ער האָט געכאַפּט אַ תּלמיד בײַ אַ גרײַז, האָט ער מיטן נאָגל אַרײַנגעקריצט אַ פּאַסיקל אינעם הילצערנעם טיש. אַבֿרהמל איז אויך געווען אַ געוואַגטער אין די געשלעגן, וואָס חבֿרה קינדער האָט פֿאַרפֿירט. ער האָט זיך פֿאַרמאָסטן מיט עלטערע פֿון אים, און אַפֿילו אַז ער איז אַרויסגעקומען אַ צעשלאָגענער, האָט ער נישט געוויינט, נאָר זיך באַרימט, ווי ער האָט דעם אַנדערן „דערלאַנגט". דער אומאָפּהענגיקער כאַראַקטער פֿונעם שפּעטערדיקן פּאָעט און נאַציאָנאַל־ייִדישן סאָציאַליסט האָט זיך שוין אַרויסגעוויזן אין דער פֿריסטער יוגנט. גאָר יונג האָט ער אָנגעהויבן צו לייענען לשון־קודשדיקע ספֿרים. ער איז געווען פֿאַרכאַפּט פֿון געשיכטע און ספֿרימלעך, ווי: שארית ישׂראל, שבֿט יהודה, יוסיפֿון און שלשלת היוחסין; זיי האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. קלמן שולמאַנס דבֿרי ימי עולם האָט ער יונגערהייט

געקענט כּמעט אין גאַנצן אויף אויסווייניק. ער איז געווען פֿאַרקאַכט אין היסטאָרישע העלדן. אין זײַן קינדערשער פֿאַנטאַזיע האָט ער זיך אויסגעמאָלט, ווי ער אַליין איז אַ גיבור, שטעלט זיך אײַן פֿאַר ייִדן, און מנצח די שׂונאים. אין די עפּיזאָדן פֿון זײַנע קינדער־יאָרן דערציילט ל׳, ווי אין דער פֿריסטער קינדהייט, ווען ער האָט נאָר וואָס געהאַט אָנגעהויבן צו לערנען תּנ״ך, האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפֿן אײַנדרוק די מעשׂה מיט יפֿתּחן און זײַן טאָכטער. „געדענק איך, ווי איין מאָל בין איך געגאַנגען זען דעם טריאומף־טויער, וואָס מען האָט אויפֿגעשטעלט אין מינסק לכּבֿוד סקאָבעליעוון צו זײַן קבלת־פּנים. קוק איך און דערמאָן זיך מיט אַ מאָל אין יפֿתּחן, ווי ער איז אויך געקומען אַ גיבור־חיל פֿון מלחמה און דורכגעריטן געווים אַזאַ טויער און דערנאָך האָט ער געמוזט אָפּפֿערן זײַן טאָכטער צו גאָט — די מעשׂה, וואָס האָט געפּײַניקט מײַן קינדערשע פֿאַנטאַזיע. נעם איך אויספֿרעגן מיט אַ ציטערדיקער שטים דעם טאַטן, צי סקאָבעליעוו האָט אַ טאָכטער און צי וועט זי אַרויסקומען אַנטקעגן צום טויער? דער טאַטע האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר, געכאַפּט, וואָס מיך קוועטשט, און זיך הויך צעלאַכט: „ניין, זונעלע! האָב קיין מורא נישט, סקאָבעליעוו איז נאָך אַ בחור..." דאָס קינד האָט געלעבט מיט די העלדן פֿון דער ייִדישער געשיכטע, יאָרן שפּעטער האָט ער זיי פֿאַראייביקט אין זײַנע פּאָעמעס. צו 9 יאָר האָט ער אָנגעהויבן שרײַבן שירים, אין נוסח פֿון משה־חיים לוצאַטאָ א״אַ משוררים. די שירים זײַנען געווען פֿרום־ייִדישע, נאָר דערקענט האָט זיך שוין אין זיי דער באַזונגער פֿון ייִדישן העראָאיזם. צו 12 יאָר, בעת ער האָט געלערנט אין דער ישיבֿה פֿון ווילקאָמיר, האָבן זיך בײַ אים אָנגעהויבן די ספֿקות בנוגע דער אמונה. ער איז פֿון דער ישיבֿה אַנטלאָפֿן קיין סלאָבאָדקע און האָט זיך מיט ברען אַרײַנגעוואָרפֿן אינעם וועג פֿון מוסר, וואָס איז געווען דער גײַסט פֿון יענער ישיבֿה. דערנאָך, צו 13 יאָר, האָט ער געלערנט אין דער באַרימטער וואָלאָזשינער ישיבֿה, אָבער דאָרטן איז ער שוין געווען אַ שטיקל אַפּיקורס. אַ יאָר האָט ער זיך אויפֿגעהאַלטן אין דער ישיבֿה, וואו ער האָט געשמט פֿאַר אַן עילוי. אין וואָלאָזשין האָט ער שוין געהאַט אַרום זיך אַ קרײַז תּלמידים, וואָס מיט זיי האָט ער גערעדט פֿון אמונה, השׂכּלה און סתּם וועלטלעכע ענינים. דער ראש־ישיבֿה, וואָס גערופֿן האָט מען אים „דער אַלטער", האָט זיך דערפֿון דערוואוסט, און אַז דערצו האָט מען נאָך ל׳־ן געכאַפּט שבת רייכערן אַ פּאַפּיראָס, האָט מען אים אַרײַנגעלייגט אין חרם און אַרויסגעטריבן פֿון דער ישיבֿה. דערציילט ד״ר ש. לואיס אין זײַנע זכרונות, ווי דעם 14יאָריקן אַבֿרהמלען האָט מען נישט אַרײַנגעלאָזט אין קיין ייִדישער ישטוב. אַהיים פֿאָרן האָט ער מורא געהאַט, האָט ער זיך אויסגעזוכט אַ שטוב בײַם סאַמע עק שטאָט, אָבער

די באלעבאסטע האט זיך אין עטלעכע טעג ארום דערוואוסט, אז איר קווארטיראנט איז אין חרם, און זי האט אים ארויסגעטריבן. צום גליק האט ער שוין אין יענער צייט געהאט תלמידים, וואס האבן אים באהאלטענערהייט געגעבן נאכטלעגער. ביי נאכט האט ער זיך אריינגעגנבעט דורכן פענצטער אין שטוב פון א חבר, אדער א תלמיד, און איז דארטן איבערגעשלאפן די נאכט. ביי טאג האט ער זיך ארומגעדרייט איבער די פעלדער ארום שטעטל. צו לאנג האט, אבער, אזא אופן לעבן נישט געקענט אנהאלטן און דער יונגער ל׳ איז אוועקגעפארן קיין ווילנע. דארטן איז ער אריינגעפאלן אין א קרייז פון „אויפגעקלערטע". ער האט אנגעהויבן צו לערנען וועלטלעכע לימודים און געזוכט א לערער, וואס זאל אים לערנען רוסיש און מאטעמאטיק. דערציילט מ. מ. ראזענבוים, ווי „מיר האבן גענומען אויסקלייבן צווישן די קלויזניקעס פון ווילנער ישיבות די פעאיקסטע בחורים, אריינגיסן אין זיי „אייראפעאישע קולטור און וויסנשאפט" און פראפאגאנדירן צווישן זיי די נייע פראגרעסיווע און ראדיקאלע אידייען". דער יונגער ל׳, וואס איז נאך דעמאלט געווען באקאנט אונטער זיין אייגענעם נאמען, וואלט, איז געקומען צום פירער פון יענער גרופע ראדיקאלן, חנן ראפאפארט (שפעטער דער פירער פון דער קאמוניסטישער פארטיי אין פראנקרייך, שארל ר׳), און אים געבעטן, אז ער זאל אים באזארגן מיט א לערער. און מ. מ. ראזענבוים, וואס האט ל׳־ן דארטן געטראפן, דערציילט, ווי ראפאפארט האט אים פארהערט סיי אין רעליגיע און סיי אין געשיכטע. איז — אין רעליגיע האט ל׳ אויסגעהאלטן דעם עקזאמען, נאר אז עס איז געקומען צו געשיכטע, האט ער ארויסגעוויזן אזא זעלבסטשטענדיקייט פון געדאנק און אפשאץ, אז סיי ראפאפארט און סיי ראזענבוים זיינען געבליבן געפלעפט. אז ראפאפארט האט אים געפרעגט, וואס ער טראכט וועגן ראבעספיערן, האט ל׳ געזאגט, אז ראבעספיער איז געווען א טיראן און א דעספאט. אזוינס האבן נאך סאציאליסטן, בפרט יידישע פארגלייבטע סאציאליסטן, ביז דעמאלט נישט געהערט. דער נשתוממדיקער ראפאפארט האט, אבער, פארשטאנען, אז פאר אים שטייט אן אויסערגעוויינטלעכער בחור, און האט אים מוחל געווען: ער וועט לערנען און זיך אנטוויקלען, וועט ער ביסלעכווייז ארויף אויפן דרך־הישר... ראזענבוים איז דעמאלט געווארן זיין לערער אויף רוסיש און מאטעמאטיק און ער דערציילט, אז מאטעמאטיק איז פארן יונגן ל׳ קיין פראבלעם נישט געווען, נאר מיט רוסיש איז עס צוגעגאנגען שווערלעך. איין מאל איז ל׳ פארשוואונדן אויף עטלעכע וואכן. ערשט אין איינעם א פרימארגן איז ער אריינגעקומען מיט א גראבן בוך אונטערן ארעם און געזאגט, אז ער האט זיך שוין אויסגעלערנט רוסיש. דאס בוך איז געווען יהושע שטיינבערגס ווערטערבוך און דורך די עטלעכע וואכן האט ל׳ אויסגעלערנט דאס גאנצע ווערטערבוך אויף אויסעווייניק. דער גאנג זיינער צו פאעזיע און צו סאציאליזם איז געווען אן איינצייטיקער, ווי די ביידע וואלטן ארויסגעקוועלט פון איין טיפן אינעווייניקסטן קוואל אין אים. אוודאי, דער קוואל פון ליד האט אין אים געריזלט נאך אין די קינדער־יארן זיינע, בעת ער האט געשריבן די לשון־קודשדיקע לידער. אבער אויך אין לשון־קודש איז דאס ליד זיינס געווען סאציאל און ד״ר איסר גינזבורג ברענגט אין זיינע זכרונות א דריי סטראפעס פון א ליד, וואס איז אים געבליבן אין זכרון מטושטש און ל׳ אליין האט אים געהאלפן זיי צונויפצושטעלן (דער כתב־יד פון יענעם ליד איז פארפאלן געווארן). אין די פאר סטראפעס זינגט דער קינד־פאעט וועגן דער מוטער רחל, וואס וויינט אויפן גלות פון אירע זין. שפעטער, אבער, אז שרייבן לידער איז ביי ל׳־ן געווארן נישט סתם א שפיל, נאר א שליחות, האבן זיי אנגעהויבן צו שטראמען פונעם סאציאליסטישן קוואל, וואס אין תוך איז ער אין ל׳־ן געווען א טיף־יידישער. אין זיינע זכרונות און בילדער, וואס זיינען ארויס אין דער „ל. מ. שטיין פאלקס־ביבליאטעק", ביים אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאנגרעס אין נ״י, זאגט ל׳: „צי האט דער רעגן א פאטער? — האט אמאל געפרעגט איוב. דער רעוואלוציאנערער ברען, וואס האט אזוי וואונדערלעך אנגעצונדן די יידישע גאס, האט זיכער געהאט זיינע פאטערס — די נביאים, די מדרשים, די גרויסע און גלוטיקע משיח־דערווארטונגען. געוויס קען מען פרעגן, פאר וואס האבן די זעלביקע נביאים און די זעלביקע משיח־דערווארטונגען נישט געפונען קיין רעוואלוציאנערן אויסדרוק אויף דער יידישער גאס מיט א הונדערט יאר פריער, אפילו מיט א צענדליק יאר פריער, און מען קען געבן וועגן דעם אינטערעסאנטע דערקלערונגען. אבער אז די נביאים און אז די משיח־דערווארטונגען וואלט שוין גאנץ שווער געווען צו דערקלערן, פאר וואס, למשל, האט מען אין מינסק אין איין און דער זעלביקער צייט די יונגע יידישע שוסטערס לייכט געקענט ארגאניזירן, און מיט די יונגע נישט־יידישע שוסטערס האט מען בשום אופן גארנישט געקענט מאכן". דער דאזיקער געדאנק איז ביי אים גאר פרי רייף געווארן און ער איז געווען דער וועגווייזער זיינער אין סאציאליזם, אין דער פאעזיע און אין דער פובליציסטיק. אין בלומקעס קלויז, אין די פרייטיק־צו־נאכטסן, האט דער ניין־יאריקער אברהמל געהערט מעשיות פון די רוסישע רעוואלוציאנערן און „איך בין געשטאנען לעבן טאטנס פאלעס, א ניין־יאריק יינגל, און געשלונגען די מעשיות און געגליט". צו דער אייגענער צייט, אבער, האט ער אין טאטנס ספרים־אלמער געפונען ספרים, וואס האבן דערציילט פון „דער גרויסער מארטיראלאגיע פון דער יידישער געשיכטע — ברענענדיקע שטראמען יידישע טרערן און בלוט, איינגעוויקלטע אין אלטינקע, פארגעלטע בלעטלעך". כאטש ער האט געהאט א שארפן

מח און האָט תּופס געווען די שווערסטע סוגיאָס אין דער גמרא, זאָגט ער, אָבער, אַז „מײַן געדאַנק איז געווען נישט מיט די יוריסטן פֿון סורא און פּומבדיתא און נהרדעא, נאָר מיט די קדושים פֿון מגנצא און ווירמײַשאָ און טוליטולא". די עמאָציע איז בײַ אים אין דער פֿריסטער יוגנט איבערגעשטיגן די אומגעווײנטלעכע לערנערשע פֿעאיקייטן. ער דערציילט, ווי די מעשׂיות וועגן די רעוואָלוציאָנערן, וואָס ער האָט געהערט אין בלומקעס קלויז, האָבן זיך בײַ אים צונויפֿגעמישט מיט די מעשׂיות פֿון ייִדישער מאַרטיראָלאָגיע, „און אין דער מעשׂה וועגן דעם לערער, דעם סאָציאַליסט, וואָס איז געגאַנגען שיסן אויפֿן קייסער און געהאַט אין קעשענע אַ נוס מיט סם גרייט פֿאַר זיך אויפֿן פֿאַל מען וועט אים כאַפּן, האָב איך דערפֿילט דעם זעלביקן ציטער, וואָס איך האָב געפֿילט אין די אַלטע ייִדישע כראָניקעס. עס האָט אַ ווײ געטאָן מיט קידוש השם". אין ווילנע, וואו דער יונגער אַבֿרהם וואָלט האָט זיך באַקענט מיט די רעוואָלוציאָנערע קרײַזלעך, האָט ער אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זײַן אייגענעם סאָציאַליזם, —אַ סאָציאַליזם אַ ייִדישן. ער איז נישט צוגעשטאַנען צו די פּראָפּאַגאַנדיסטישע קרײַזלעך, געבליבן צווישן די „ווילדע", און בעת די אַנדערע „האָבן געהאַט אַ באַזונדערע שוואַכקייט פֿאַרן רוסישן פּויער און אַרבעטער, האָט ליעסינען געצויגן צו ייִדן" (מ. מ. ראָזענבוים). ער האָט אַפֿילו אײן צײַט געטראַכט זיך צוריקצונעמען צו ש"ס און פּוסקים, ווערן אַ רבֿ און ווי אַ רבֿ פּראָפּאַגאַנדירן צווישן ייִדן דעם סאָציאַליזם. דאָס איז געווען אין זײַן ווילנער פּעריאָד. שפּעטער, אַז ער איז שוין געווען צוריק אין מינסק, האָט ער געפֿירט אַן אידעאָלאָגישע מלחמה מיט די דאָרטיקע סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדיסטן. ער האָט געטענהט: „וואָס קומט איר צו ייִדן, ווי פֿרעמדע, מיט גויאישע ביכער? קומט צו זיי ווי אייגענע, מיט ייִדישער ליטעראַטור, און איר וועט אַ סך מער אויפֿטאָן". נאָך אין ווילנע האָט ער געהאַט תּלמידים, וואָס מיט זיי האָט ער געלערנט סאָציאַליזם אויף זײַן אייגענעם שטייגער. אַז ער איז צוריקגעקומען קיין מינסק, האָט ער זײַן קרײַז תּלמידים אויסגעברייטערט, און נאָך איידער דער „בונד" איז אויפֿגעקומען, איז שוין געווען דער קרײַז פֿון די „וואָלטאָוועצעס", דער ייִדיש־סאָציאַליסטישער קרײַז, וואָס ל' איז געווען דער גײַסטיקער פֿאָטער זײַנער. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זײַנע האָט ל' כּמעט קיין מאָל נישט גערעדט אויף קיין פֿאַרזאַמלונגען, אָבער אין ווילנע און, דער עיקר, אין מינסק, איז ער געווען אַ רעדנער, אַ פֿײַערדיקער פּראָפּאַגאַנדיסט פֿאַר זײַנע אידייען. אַלע, וואָס געדענקען יענעם פּעריאָד אין ל'־ס לעבן, דערציילן, אַז ער האָט ממש אָנגעצונדן די צוהערערס מיט זײַנע רעדעס, וואָס זײַנען געווען קערנדיק־ייִדישע, פֿול מיט פֿאַנטאַזיע און שטורמישן טעמפּעראַמענט. צו דער אייגענער צײַט האָט ל' אָנגעהויבן שרײַבן לידער אויף ייִדיש, ער האָט זיי פֿאַרגעלייענט פֿאַר נאָענטע מענטשן און באַלד זײַנען זיי צעטראָגן געוואָרן איבער די דעמאָלטיקע רעוואָלוציאָנערע קרײַזלעך. די לידער האָט מען געלייענט, דעקלאַמירט, אויסגעלערנט אויף אויסעווייניק, צו אַ סך פֿון זיי צוגעפּאַסט מעלאָדיעס און געזונגען. גאָר אין גיכן האָט זיך אָנגעקליבן אַ גאַנץ ביכל לידער זײַנע און דער כּתבֿ־יד איז אין געהיים אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט מינסק, האָט אַפֿילו אָנגעשפּאַרט אין אַנדערע שטעט, וואו סײַ די אינטעליגענץ און סײַ די פּשוטע אַרבעטערס האָבן פֿון זיי געשעפּט דערמוטיקונג און באַגײַסטערונג פֿאַר די נײַע רעוואָלוציאָנערע אידייען זייערע. ל' איז געווען זעלבסטשטענדיק אין גאָר זײַן סאָציאַליסטישן גאַנג. בשעת אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג איז אין די ערשטע 90ער יאָרן פֿון פֿאַריקן י"ה אַנטשטאַנען די אַזוי גערופֿענע „אָפּאָזיציע" אונטער דער אָנפֿירונג פֿון אַבֿראַם גאָרדאָן־רעזשטשיק (זע), האָט ל' באַקומען אַ באַזונדערס שטאַרקע ווירקונג אויף די ייִדישע אַרבעטערס; ער האָט דער „אָפּאָזיציע" צוגעגעבן אַ ספּעציפֿישע באַפֿאַרבונג: אָננעמענדיק אירע לאָזונגען (ניט אַריבערצופֿירן די באַוועגונג פֿון „עקאָנאָמיזם" צו פּאָליטישער אַגיטאַציע), האָט ער, אָבער, גלײַכצײַטיק אויך אַרויסגערוקט דעם לאָזונג פֿון קאַמף קעגן אַסימילאַטאָרישן קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט דאַן באַהערשט די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, און ער האָט געשטעלט אַ פֿאָדערונג, אַז די באַוועגונג זאָל זיך „נאַציאָנאַליזירן", ד"ה עס זאָלן שטענדיק גענומען ווערן אין אַכט די ספּעציפֿישע באַדינגונגען פֿון ייִדישן מאַסן־לעבן. אין יאָר 1895 און אָנהייב 1896 איז מינסק געווען פֿול מיט שטרײַק־ברויזעניש. ל' האָט קודם געהאַלטן, אַז דער ייִדישער באַלעבאָס איז אַליין אַ געראודפֿטער, ער איז אַן אָרעמאַן און פּלאָגט זיך אפֿשר נישט ווייניקער, ווי דער אַרבעטער, וואָס אַרבעט בײַ אים. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט ער שפּעטער אויסגעדריקט אינעם קלאַסישן ליד „דער הונדערטסטער קרעמער אין גאַס", — אַ ליד, וואָס ווערט נאָך ביז הײַנט געזונגען. דעם עקאָנאָמישן קאַמף, האָט ער דעמאָלט געזאָגט, דאַרף מען אוודאי אָנפֿירן, אָבער דער עיקר איז צו באַפֿרײַען דעם ייִדישן אַרבעטער דורך דער באַפֿרײַאונג פֿונעם ייִדישן פֿאָלק. דאָס ייִדישע פֿאָלק, האָט ער געזאָגט, וועט אַן ספֿק אַ סך לײַדן פֿון זײַן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. מען קען זיך אַפֿילו ריכטן אויף פּאָגראָמען. דערציילט מ. איוועןנסקי אין די זכרונות פֿון מינסק אין יענע יאָרן, אַז ל' האָט אין זײַן פּראָפּאַגאַנדע געזאָגט: „אונדזער חובֿ איז צו זען, אַז די אַרבעטער זאָלן נישט האָבן אין זינען נאָר זייערע אייגענע עקאָנאָמישע אינטערעסן, דאָס ייִדישע פֿאָלק, וואָס די אָרעמע מענטשן זײַנען דער גרעסטער טייל זײַנער, לײַדט מער ווי אַלע פֿעלקער אין דער וועלט. עס וועט נאָך מער לײַדן פֿון זײַן רעוואָלוציאָנערן אָנטייל, דאַרף מען פֿריער באַפֿרײַען

דאָס מאַרטירער־פֿאָלק". אָנהייב 90ער יאָרן האָט זיך דער פּאָליטישער ציוניזם שוין געהאַט אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן איבער די שטעט און שטעטלעך, און ל׳, וואָס איז געווען וואַך צו אַלע פּראָבלעמען פֿון דער צײַט, האָט סײַ אין זײַנע וויכּוחים און סײַ אין די סאַרקאַסטישע לידער אָפּגעוואָרפֿן דעם ציוניזם. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט ראָמאַנטישע ציוניסטישע אידייען, ער האָט, אָבער, נישט געגלייבט אין די רעאַלע מעגלעכקייטן פֿון די אידייען און דערפֿאַר האָט ער זיי באַקעמפֿט, נישט ווייניקער ווי די ייִדיש־רעוואָלוציאָנערע קרײַזלעך, וואָס פֿון זיי איז אַרויסגעוואַקסן דער „בונד". יאָרן שפּעטער, שוין אין אַמעריקע, איז ל׳ געווען איינער פֿון די ערשטע ייִדישע סאָציאַליסטן אויפֿצונעמען דעם ציוניזם און אין זײַן פּובליציסטיק האָט ער מיטן ברען, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פֿאַר זײַן טעמפּעראַמענט, באַגריסט יעדער דערגרייכונג אין דעם חלוצישן ארץ־ישׂראל און דעם פּאָליטישן ציוניזם.

קיין אַמעריקע איז ל׳ געקומען אין 1896 און איז דאָ באַלד צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פֿראַקציע, וואָס האָט געפֿירט אַ פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן דע ליאָנען און זײַנע אָנהענגערס אין דער סאָציאַליסטישער אַרבעטער־פּאַרטיי (עס־על־פּי). ער איז געווען איינער פֿון די ערשטע מיטאַרבעטערס אין פֿאָרווערטס, וואו ער האָט געדרוקט זײַנע לידער און פּובליציסטישע אַרטיקלען. ער האָט אויך געשריבן ליטעראַטיקלען אין דער צײַטונג, דער עיקר אין אַן ערבֿ יום־טובֿ, און געפֿירט (א״פּ „ד״ר איקס") אַ פֿאַרביטערטן קאַמף, ווי קעגן דע ליאָנס טעגלעכן אָבענד בלאַט, אַזוי אויך קעגן דער אָרטאָדאָקסישער ט״צ ייִדישעס טאַגעבלאַט. ווען אַב. קאַהאַן איז געוואָרן דער רעדאַקטאָר פֿון פֿאָרווערטס, איז ל׳ געוואָרן אָפּגעקילט צו דער צײַטונג. דער ריס מיט דער צײַטונג איז געקומען, ווען אַב. קאַהאַן האָט צוריקגעוויזן זײַנעם אַן אַרטיקל קעגן ציוניזם. ל׳ איז אַוועק פֿון דער צײַטונג און אַ צײַט האָט ער געליטן גרויס נויט. ער האָט זיך מפֿרנס געווען פֿון פֿאַרקויפֿן צײַטונגען אויף די גאַסן און פֿון אַנדערע אַרבעטן. אַפֿילו אַז ער האָט געאַרבעט אין פֿאָרווערטס, איז אויך זײַן עקאָנאָמישער מצבֿ געווען זייער אַ שווערער. מאַקס פּײַן דערציילט, ווי ער איז אין אַן אינדערפֿרי אַרײַנגעקומען צו ל״ן אין צימער אויף טשערי סטריט נעמען דעם ליטעראַטיקל, וואָס האָט נאָך געדאַרפֿט געדרוקט ווערן דעם אייגענעם טאָג, — האָט ער אים געטראָפֿן האַלב אָנגעטאָן, די בעט איז געווען זײַן שרײַבטיש, ער איז געשטאַנען אויף די קני, איבערגעבויגן איבערן בעט און געשריבן. אין די עטלעכע חדשים, וואָס ער איז נישט געווען אין דער צײַטונג, איז די נויט זײַנע געשטיגן. אָבער אַז דער סאָציאַליסטישער עולם פֿון יענער צײַט האָט געפֿאָדערט צוריק דעם באַליבטן שרײַבער, האָט די רעדאַקציע זיך געבויגן פֿאַרן ווילן פֿונעם פֿאָלק און צוריקגערופֿן דעם פֿאַרשטויסענעם ל״ן. פֿאַרשטייט זיך, אַז קאַהאַן האָט אויך געמוזט אָפּדרוקן דעם אַנטי־ציוניסטישן אַרטיקל ל״ס, און דער עולם האָט זיך אײַנגעשטילט. אַז קאַהאַן איז אַוועק פֿון פֿאָרווערטס, האָט ל׳ געהאָלפֿן ל. מילערן רעדאַקטירן די צײַטונג, און אין 1902, אַז אויך מילער האָט זיך מיט דער צײַטונג געזעגנט, האָט זי ל׳ רעדאַקטירט (אין איינעם מיט וויליאַם עדלין). ער האָט אין יענער צײַט געדרוקט געשיכטלעכע מאָנאָגראַפֿיעס, אַרויסגעהויבן די העלדישע קאַפּיטלעך פֿון דער ייִדישער געשיכטע, כּדי אָפּצושוואַכן ב. פֿײַגענבוימס אַסימילאַטאָרישע פּראָפּאַגאַנדע. נאָכן קעשעניעווער פּאָגראָם (פּסח 1903) האָט ער אין דער צײַטונג געפֿירט אַ באַגײַסטערטע פּראָפּאַגאַנדע פֿאַרן „בונד". מיט פּלאָמיקן אימפּעט האָט ער אין יענע אַרטיקלען אויסדריקט דעם געדאַנק, אַז ייִדן דאַרפֿן זײַן רעוואָלוציאָנערן, אָבער זיי דאַרפֿן טראָגן אַחריות איינער פֿאַרן אַנדערן. ל׳ איז געווען אַ דעלעגאַט צום זיבעטן צונויפֿפֿאָר פֿונעם „בונד" אין לעמבערג, סוף זומער 1906, און דאָרטן געפֿאָדערט אַ מער פּאָזיטיווע שטעלונג צו די ייִדישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. ער איז געווען דער שאַרפֿסטער באַקעמפֿער פֿון דעם „נייטראַליזם" אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע אין „בונד". דער „בונד" האָט דעמאָלט אים אָנגעבאָטן אַרויסצוגעבן זײַנס אַ בוך עסייען. ער האָט מסכּים געווען און צונויפֿגעשטעלט דאָס בוך, נאָר די רעדאַקציע פֿונעם בונדישן פֿ״ג האָט עטלעכע עסייען געפּסלט דערפֿאַר, וואָס זיי זײַנען געווען צו נאַציאָנאַליסטיש, און ל׳ האָט צוריקגעצויגן דאָס בוך, כאָטש עס איז שוין געווען אויסגעזעצט. בײַם סוף פֿונעם פֿאַרגאַנגענעם י״ה און אָנהייב פֿון הײַנטיקן איז זײַן פּובליציסטיק געווען, ווי אַן אָפּפֿרישנדיקער שטורעמדיקער רעגן אין אַ טרוקענעם זומערטאָג. אינעם ייִדישן סאָציאַליזם פֿון יענער צײַט איז זײַן פּובליציסטיק געווען ממש רעוואָלוציאָנער מיט איר ייִדישער פֿאָלקישקייט, דעם גרויסן דרך־ארץ פֿאַר ייִדישער טראַדיציע און באַגײַסטערונג פֿאַר ייִדיש־נאַציאָנאַלע און היסטאָרישע ווערטן. אין אַמעריקע האָט זיך אויך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען ל״ס פּאָעטישער טאַלאַנט, ווי אַ פֿרישער שעפֿערישער קוואַל וואָלט זיך אין אים געעפֿנט אינעם אײַנוואַנדער־לאַנד. דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער פּעריאָד פֿון שאַפֿן די העלדן פֿון דער ייִדישער געשיכטע, וואָס איז געבליבן דער סאַמע עיקרדיקער אין זײַן פּאָעטישן גאַנג. אין יענער צײַט, בעת דאָס ייִדישע ליד, בפֿרט דאָס עפּישע, דערציילערישע, האָט נאָך נישט באַהערשט די פֿאָרם פֿאַר פֿולן אויסדרוק, זײַנען ל״ס לידער געווען שפּראַכלעך בילדעריש און דערציילעריש פֿול. פּאָעטיש האָבן זיי דורכגעפֿירט די אידייע, וואָס דער פּאָעט האָט פֿאַרטראַכט. אין דער קאָמפּליצירטער אידייאישער טעמאַטישקייט זייערער האָט ל׳ אַרײַנגעבראַכט לויטערקייט, דערציילערישן דראַמאַטיזם און געדאַנקלעכקייט, וואָס דער פּשוטסטער לייענער האָט זי פֿאַר־

שטאַנען און דורכגעלעבט. אַ סך פֿון זײַנע לידער זײַנען געוואָרן דאָס געזאַנג פֿון דער ייִדישער רעוואָלוציאָנע־רער יוגנט און איינס פֿון זײַנע לידער, „די לענאַ", האָט באַגלייט די פֿאַרשיקטע ייִדישע רעוואָלוציאָנערן אויף זייער וועג קיין סיביר און אויף די קאַלטע, שנייאיקע סיבירער סטעפּעס. אויך זײַנע נאַציאָנאַלע לידער זײַנען געווען פּאָפּולער, דער עיקר די פּאָעמעס פֿון ייִדישע היסטאָרישע העלדן. מען האָט זיי דעק־לאַמירט אויף פֿאַרזאַמלונגען און געשעפּט פֿון זיי באַגײַסטערונג פֿאַרן גרויסן ייִדישן עבֿר. אין משך פֿון עטלעכע יאָר האָט ל׳ נישט געשריבן קיין לידער. אין אים איז פֿאָרגעקומען אַ מין גײַסטיק־פּאָעטישער איבערבראָך, ווי ער וואָלט געזוכט אַ נײַעם אופֿן אויס־צודריקן אין פּאָעטישער פֿאָרם די אידייען, וואָס האָבן אין אים געברויזט. אַז ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו שרײַבן לידער, האָט זיך אין זיי געשפּירט אַ מין באַנײַטקייט, — סײַ אין דער פֿאָרם און סײַ אין דער שפּראַך. ער איז צוריקגעקומען צום ליד אָנגעלאָדן מיט פֿרישער בילדלעכקייט, וואָס אויסגעוואָרעמט האָט ער זי דורך די יאָרן פֿון שווײַגן. — אין פּערזענלעכן לעבן איז ל׳־ן נישט באַשערט געווען צו האָבן אַ סך גליק. אין 1901 האָט ער חתונה געהאַט מיט דער שיינער, הויך־אינטעליגענטער ליבע גינזבורג, וואָס האָט געשטאַמט פֿון אַ רבנישער פֿאַמיליע אין סמאָר־גאָן. זי איז געווען אַ מלומדת אין ייִדישע זאַכן, אָבער אין דער פֿריער יוגנט האָט זי אויך אָנגעהויבן צו לערנען וועלטלעכע לימודים. פֿרי איז זי אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג און בײַם אָנהייב פֿונעם י״ה האָט זי געמוזט עמיגרירן קיין אַמעריקע, כּדי נישט אַרײַנצופֿאַלן צו די צאַרישע זשאַנדאַרן אין די הענט אַרײַן. אין נ״י האָט זיך ל׳ געטראָפֿן מיט ליבע גינזבורג און זיי האָבן חתונה געהאַט. אַ טאָכטער איז בײַ זיי געבוירן געוואָרן, רחל, וואָס איז געווען האַלב פּאַראַליזירט און האָט געהאַט אַן איבערנאַטירלעך גרויסן קאָפּ. ליבע איז געשטאָרבן אין 1912 און זינט איר טויט האָט זיך ל׳ כּמעט ווי אָפּגעזונדערט פֿון דער וועלט. אויף דער קראַנקער טאָכטער האָט ער אַליין אַכטונג געגעבן, און כאָטש זי איז קיין מאָל אין קיין שולע נישט געגאַנגען, איז זי געווען אינטעליגענט, האָט געשריבן און געלייענט און האָט געהאַט אַ ברייטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער ייִדישער ליטעראַטור. וועגן זײַן פּערזענלעכן לעבן האָט ל׳ אָנגעשריבן איינס פֿון די טיפֿסטע טרויעריקע לידער, — „דאָס גליק זיך אָפּצוזאָגן פֿון גליק". ער האָט זיך געפֿירט ווי אַ נזיר, איז זעלטן געקומען אויף עפֿנטלעכע פֿאַרזאַמלונגען, געלעבט מיט זײַנע ספֿרים און מיט דער שעפֿערישער אַרבעט זײַנער. — אין 1913 האָט ל׳ איבערגענומען די רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל די צוקונפֿט און האָט אויפֿגעהערט כּמעט אין גאַנצן צו שרײַבן אין פֿאָרווערטס. מיט ברען האָט ער זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט פֿון רעדאַקטירן דעם זשורנאַל און אין משך פֿון 8 חדשים איז די צירקו־לאַציע זײַנע געוואַקסן פֿון פֿיר טויזנט צו איבער צוואַנציק טויזנט. ער האָט צוגעצויגן צום זשורנאַל די וויכטיקסטע ייִדישע שרײַבערס פֿון אַמעריקע און אייראָפּע. ער האָט דערמוטיקט יונגע שרײַבערס, זיי געדרוקט און אַפֿילו פּאַטערלעך זיי אָנגעוויזן ווי צו פֿאַרריכטן אַ ליד אָדער אַ דערציילונג. אונטער זײַן רעדאַקציע איז די צוקונפֿט געוואָרן דער צענטער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור אין אַלע אירע פֿאָרמען און אויסדרוקן. דער סאָציאַליזם האָט פֿאַרנומען אַ חשובֿ אָרט אינעם זשורנאַל. גלײַכצײַטיק האָט ל׳ געדרוקט אין אים פֿאָרשערישע אַרבעטן פֿון ייִדישקייט און ייִדישער געשיכטע. ער האָט דערמוטיקט שרײַבערס פֿון די פֿאַרשיידנסטע אידעאָלאָגיעס צו דרוקן זייערע אַרבעטן אינעם זשורנאַל. ער אַליין האָט יעדן חודש געדרוקט אַ לייטאַרטיקל, וואָס איז געווען פֿול מיטן ציטער פֿון דער צײַט, מיט פּאַטאָס און גרויסער ערו־דיציע. לרובֿ האָט ער אויך אין יעדן נומער געדרוקט זײַנס אַ ליד און אין צוקונפֿט זײַנען געווען געדרוקט כּמעט אַלע זײַנע פּאָעטישע שאַפֿונגען זינט 1913 ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן. כאָטש ער אַליין איז כּמעט אין ערגעץ נישט געגאַנגען, איז זײַן שטוב געווען אַן אָפֿענע טיר פֿאַר שרײַבערס און מאָלערס. אַקוראַט ווי ער איז געווען אַ שטילער ביבליאָפֿיל און זײַן פּריוואַטע ביבליאָטעק איז געווען איינע פֿון די רײַכסטע, אַזוי איז ער אויך געווען אַ זאַמלער פֿון קונסט־בילדער. ער האָט קיין מאָל ניט גענומען קיין מתּנות בײַ קינסטלער, מיט דער ברייטער האַנט האָט ער באַצאָלט פֿאַר אַ בילד, און זײַן שטוב איז געווען אַ קליינער מוזיי פֿון בילדער און סקולפּטורן. וואָס מער ער האָט זיך פֿאַרטיפֿט אין דער ייִדישער געשיכטע און פֿון איר אַרויסגעשעפּט די העראָיִשע געשטאַלטן, אַלץ נענטער איז ער צוגעקומען צום געדאַנק פֿון נאַציאָנאַלן ייִדישן אויפֿלעב. ער איז קיין ציוניסט נישט געוואָרן, אָבער מיט ליבשאַפֿט און התלהבֿות האָט ער געשריבן וועגן די חלוצים אין א״י און אַפֿילו וועגן די פּאָליטישע אַנטוויקלונגען אינעם ציוניזם. אין די לעצטע יאָרן פֿון זײַן לעבן האָט ער זיך אַרומ־געטראָגן מיטן חלום אָנצושרײַבן אַ ריי פּאָעטישע דראַמעס פֿון דער משיחישער אידיי. צו די, וואָס זײַנען געווען נאָענט צו אים, האָט ער פֿאַרטרויט דעם חלום זײַנעם. ער אַליין איז געווען אַ האַרמאָניע פֿון פֿעסטער גופֿיקייט און הויכער גײַסטיקייט און די העראָיִשע העלדן פֿון דער ייִדישער געשיכטע זײַנען אויך געווען גוף און גײַסט צונויפֿגעזונגען אין העראָיִזם. אין די פּאָעטישע געשטאַלטן, וואָס ער האָט געשאַפֿן, איז געווען אַ סך דראַמאַטיזם און ער האָט דערפֿאַר גע־שפּירט אין זיך דעם כּח צו פֿאַרקערפּערן דעם דראַמאַ־טיזם פֿון דער ייִדישער געשיכטע אין דראַמעס, וואָס ער האָט פֿאַרטראַכט און קיין מאָל נישט אויסגעפֿירט. נאָך דער מערץ־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד איז ער

אין משך פֿון עטלעכע חדשים געווען אויפֿן צד פֿון דעם קערענסקי־רעזשים, נאָך דערנאָך, אַז ער האָט געזען, ווי דער רעזשים וואַקלט זיך און איז נישט בכוח אַנטשלאָסן, מיט אַ פֿעסטער האַנט, צו פֿירן דאָס לאַנד און די אויסלאַנדס־פּאָליטיק, האָט ער אָנגעהויבן צו שטיצן דעם באָלשעוויזם. ער איז אידייאיש נישט געוואָרן קיין באָלשעוויק, נאָר געהאַלטן, אַז די רעוואָלוציע וועט ראַטעווען דער פֿעסטער באָלשעוויזם, נישט דער שלאַבעריקער קערענסקיזם. ער האָט זיך, אָבער, זייער גיך אַנטוישט אינעם באָלשעוויזם און, דער עיקר, אין דעם קאָמוניזם, וואָס איז געוואָרן דער פֿולער באַוועלטיקער פֿונעם ייִדישן לעבן אין רוסלאַנד. ער האָט ביטער באַקעמפֿט די ייִדסעקציע און טראַגיש האָט ער איבערגעלעבט די אַנטוישונג אין דער רוסישער רעוואָלוציע. די לעצטע יאָרן, אַז די צוקונפֿט האָט אָנגעהויבן אַראָפּצונידערן אין דער צירקולאַציע און דער פֿאָרווערטס, וואָס האָט דעם זשורנאַל אַרויסגעגעבן, האָט זיך געוואָלט פֿון אים אָפּטרייסלען, זײַנען פֿאַר ל׳־ן געווען טראַגישע. ער האָט מיט עקשנות אָנגעווענדט זײַן אײַנפֿלוס אויף די עלטערע טוערס פֿון פֿאָרווערטס, אַז דער זשורנאַל זאָל נישט אָפּגעשטעלט אָדער אײַנגעשרומפּן ווערן. די צוקונפֿט איז פֿאַר אים געווען די גרויסע גײַסטיקע פֿעסטונג, וואָס ער האָט מיט אַזוי פֿיל ליבשאַפֿט אויפֿגעבויט. די פֿאַרמינערונג פֿונעם זשורנאַל איז פֿאַר אים געווען ווי אַ פֿאַרמינערונג פֿון זײַן אייגענער פּערזענלעכקייט. אָנגעשפּאַרט האָט ער זיך אויף זײַן ייִנגערן חבֿר, ב. וולאַדעק, וואָס איז יאָרן געווען דער פֿאַרוואַלטער פֿון פֿאָרווערטס. עטלעכע מאָל האָט וולאַדעק אָפּגעראַטעוועט דעם זשורנאַל פֿון אונטערגאַנג, און אַז וולאַדעק איז סוף אָקטאָבער, 1938, פּלוצלינג געשטאָרבן, איז זײַן טויט פֿאַר ל׳־ן געווען אַן אויפֿטרייסלענדיקע טראַגעדיע. אין דער וואָך צווישן וולאַדעקס טויט און זײַן אייגענעם האָט ער נאָך אָנגעשריבן אַ רירנדיקע עלעגיע, אָבער ער האָט זי שוין נישט געזען געדרוקט. שבת אין דער פֿרי, דעם 5טן נאָוו׳, איז דער פּאָעט פֿון ייִדישן העראָיזם און געלײַטערטן ייִדישן סאָציאַליזם אַוועק פֿון דער וועלט.

אין בוכפֿאָרם: מאָדערנע לידער, מינסק, 1897, 54 זז׳, העקטאָגראַפֿירט, אַרויסגעגעבן אומלעגאַל פֿון דער „גרופּע אידישע סאָציאַל־דעמאָקראַטען" אין מינסק (אַ זעלטענער עקזעמפּלאַר פֿונעם ביכל געפֿינט זיך אין דעם בונדישן אַרכיוו א״נ פֿון פֿ. קורסקי אין נ״י); די מיליטערישע אינטערווענשאַן אין רוסלאַנד, נ״י, 1916, 16 זז׳ (אויסגאַבע פֿון „יודישע אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטען אין אַמעריקע"); לידער און פּאָעמען, אין דרײַ בענד (1888 — 1938), מיט צייכענונגען פֿון מאַרק שאַגאַל און אַ פֿאָרוואָרט פֿון הלל ראָגאָף: ב׳ 1, 351 זז׳, ב׳ 2, 342 זז׳, ב׳ 3, 354 זז׳, מיט אַ הקדמה פֿון אַ. ל׳ און מיט אַ כראָנאָלאָגישן סדר פֿון ל׳־ס לידער פֿון 1888 ביז זײַנע לעצטע: „בײַם רודער אַ געשמידטער" און די נישט־פֿאַרענדיקטע פּאָעמע „ינאַי המלך און די פּרושים" (אַלע דרײַ בב׳, נ״י, 1938); זכרונות און בילדער, מיט ביאָגראַפֿיש־קריטישע נאָטיצן, אַרויסגעגעבן דורכן קולטור־קאָנגרעס אין דער ל. מ. שטיין־פֿאָלקס־ביבליאָטעק, נ״י, 1954, 310 זז׳ (נעמט אַר׳ין: קינדער־יאָרן, שפּעטערדיקע יאָרן אין רוסלאַנד, בילדער און פּאָרטרעטן א״אַ). טײלן פֿון זײַנע בריוו, ווי: 21 בריוו צו דזשאָן מילל, געשריבן אין די יאָרן 1917-1937, זײַנען געדרוקט אין אונזער צײַט, נ״י, פֿעב׳־מערץ, 1941; דרײַ בריוו צו ב. ריווקין — ייִדישע שריפֿטן, ב׳ 7, העפֿט 1, נ״י, 1944; אַ בריוו אין ייִדיש פֿון חיים־נחמן ביאַליק צו אַ. ל׳, געדרוקט אין אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער נומ׳ 7-8, ב״א, 1954. ל׳־ס לידער זײַנען אַרײַן אין די אַנטאָלאָגיעס: מ. באַסין, 500 יאָר אידישע פּאָעזיע, נ״י, 1917; דאָס רעוואָלוציאָנערע רוסלאַנד, נ״י, 1917; אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט, נ״י, 1955; די העברעאישע על נהרות, ירושלים, 1956, א״אַ. געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון ח. י. מיניקעס יום־טובֿ־בלעטער, נ״י, פֿון 1901 ביז 1924. זײַן אָפּהאַנדלונג וועגן דעבסן איז אַרײַן אין די אויסדערוויילטע שריפֿטן פֿון יודזשין דעבס, נ״י, 1927. אין 1936, לכּבֿוד זײַן 40־יאָריקער ליטעראַרישער טעטיקייט, איז דערשינען אַ טאָפּל־נומער צוקונפֿט (פֿעב׳־מערץ), רעדאַקטירט פֿון הלל ראָגאָף, מיט אַרטיקלען פֿון 75 שרײַבערס (אַ סך פֿון די אַרטיקלען זײַנען פֿראַגמענטן פֿון גרעסערע אַרבעטן און מאָנאָגראַפֿיעס וועגן ליעסינען). אין 1941, צום דריטן יאָרצײַט נאָך ל׳ס טויט, איז דערשינען אַ זאַמלונג אַרטיקלען וועגן ל׳־ן פֿון פֿאַרשיידענע ייִדישע שרײַבערס, צונויפֿגעשטעלט דורך יודל מאַרק, „ציקאָ"־פֿ״ג, נ״י, 47 זז׳.

ז. רייזען, לעקסיקאָן, ב׳ 2 (מיט אַ ביבליאָגראַפֿיע); ד. איגנאַטאָוו, שריפֿטען, ב׳ 1, נ״י, 1912; י. מילך: דער פּנקס, ווילנע, 1913, זז׳ 203-230, און אַנטשטייאונג פֿון פֿאָרווערטס, נ״י, 1936; אַל. האַרקאַווי, די צוקונפֿט, נ״י, אַפּריל, 1914; מ. אָלגין, דאָרט, יולי, 1915, און אַפּריל, 1919; ב. י. ביאַלאָסטאָצקי: די צײַט, נ״י, 25סטן פֿעב׳, 1921, לידער און עסייען, נ״י, 1932, זז׳ 79-130, און חלום און וואָר, נ״י, 1956, זז׳ 214-295; מ. ווינטשעווסקי, די צוקונפֿט, נ״י, יולי, 1921; ד״ר ג. סירקין, די צײַט, נ״י, 16טן יולי, 1921; וול. מעדעם, די צוקונפֿט, נ״י, אויג׳, 1921; ר. אַבראַמאָוויטש, דאָרט, דעצ׳, 1922, און דעצ׳, 1924; גינא מעדעם, דאָרט, מערץ, 1923; י. ענטין: אידישע פּאָעטן, ב׳ 2, נ״י, 1927, אידישער קעמפֿער, נ״י, 22סטן מאַי, 1948, און די צוקונפֿט, נ״י, פֿעב׳-מערץ, 1953; בעל מחשבֿות, דאָרט, אויג׳, 1928; י. קרעפּליאַק, דאָרט, סעפּט׳, 1928; א. ליטוואַק, דער וועקער, נ״י, 2טן נאָוו׳, 1929; חיים קרול, אַרום זיך, ווילנע, 1930, זז׳ 8-9; ש. אַגורסקי, צײַטשריפֿט, ב׳ 4, מינסק, 1930, ז׳ 249; ד״ר א. גינזבורג, די צײַט, נ״י, 17טן יולי, 1931; א. ליטווין, די צוקונפֿט, נ״י, דעצ׳, 1931; מ. שטאַרקמאַן, ייִוואָ-בלעטער, 4, זז׳ 354-387, ווילנע, 1932; י. בראָנשטיין, פּראָבלעמען פֿון לעניניסטן עטאַפּ אין ליטעראַטור-קענטעניש, מינסק, 1932, זז׳ 9 א״וו; ד״ר א. מוקדוני: מ.-זשורנאַל, נ״י, 10טן אָקט׳, 1934, און אין וואַרשע און אין לאָדזש, ב׳ 1, ב״א, 1955, זוכצעטל; ש. ניגער: טאָג, נ״י, 5טן מאַי, 17טן דעצ׳, 1935, פֿאָרויס, וואַרשע, 4טן אויג׳, 1939, און אַלגעמיינע ענציקלאָפּעדיע,

יידן ה׳, נ״י, 1957, זז׳ 114 א״וו; ה. ראָגאָף, פֿאָרווערטס, נ״י, 23סטן יוני, 1935, 19טן דעצ׳, 1948; מ. נאַדיר, מ.-פֿריַיהייט, נ״י, 31סטן אויג׳, 1935; ב. גראַבאַרד, אַ פֿערטל יאָרהונדערט יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, נ״י, 1935, זונצעטל; ש. קליטעניק, ווערק און שרײַבער, מאָסקווע, 1935, זז׳ 160 א״וו; ב. וולאַדעק-בוך, נ״י, 1935, זז׳ 316-364; ש. ד. זינגער: דער וועקער, נ״י, 25סטן אַפּריל, 1936, דיכטער און פּראָזאַאיקער, נ״י, 1959, זז׳ 9-13; ב. ריווקין, אידישער קעמפּער, נ״י, 24סטן אַפּריל און 24סטן יולי, 1936; מ. שווייד, דאָרט, 30סטן יוני, 1938; ד. פּינסקי, לייב גלאַנץ, דאָרט, 11טן נאָוו׳, 1938; מ. ריבאַלאָוו, הדואר, נ״י, 11טן נאָוו׳ און 9טן דעצ׳, 1938; ח. ל. פֿוקס, נײַער פֿאָלקסבלאַט, לאָדזש, 16טן נאָוו׳, 1938; ד׳ איינהאָרן, פֿאָרווים, וואַרשע, 25סטן נאָוו׳, 1938; א. אלמי, דער וועג, מעקסיקאָ, 3טן דעצ׳, 1938; מ. מ. ראָזענבאַום, אידישער קעמפּער, נ״י, 8טן דעצ׳, 1940; י. א. בראָנשטיין, אימפּרעסיעס פֿון אַ לעזער, שיקאַגאָ, 1943, זונצעטל; אליעזר גרינבערג, משה-לייב האַלפּערן אין ראַם פֿון זײַן דור, נ״י, 1942; אליהו שולמאַן, געשיכטע פֿון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, נ״י, 1943, זז׳ 200-206; י. י. וואַהל, בשתי רשויות, נ״י, 1944, זונצעטל; מ. יפה, הדואר, נ״י, 23סטן מאַי, 1947, און לעצטע נײַעס, ת״א, 11טן דעצ׳, 1953; פּ. קורסקי, פֿאַ״ש, נ״י, 12טן נאָוו׳, 1948, און געזאַמלטע שריפֿטן, נ״י, 1952, זז׳ 323-341; ד. קאַפּלאַן, אַברהם רייזען, פֿאָרווערטס, נ״י, 19טן דעצ׳, 1948; אַלטער עפּשטיין, טאָג, נ״י, 25סטן דעצ׳, 1949; יעקבֿ פּיכמאַן, רעגנבויגן, ב״א, 1953, זז׳ 240-241; י. קיסין, ליד און עסיי, נ״י, 1953, זז׳ 157-164; ח. ש. קאַזדאַן: קולטור און דערציאונג, נ״י, 1טן נאָוו׳, 1953, און פֿאָרווים, מעקסיקאָ, 1טן יאַנ׳, 1955; י. פּאַט, לעצטע נײַעס, ת״א, 4טן דעצ׳, 1953; ר. אײַזלאַנד, פֿון אונזער פֿרילינג, נ״י, 1954, זז׳ 195-217; י. י. סיגאַל, קענעדער אָדלער, מאָנטרעאַל, 26סטן פֿעב׳-1טן מערץ, 1954; לעאָ פֿינקעלשטיין, לשון יידיש און יידישער קיום, מעקסיקאָ, 1954, זז׳ 267-276; א. לעיעלעס, טאָג, נ״י, 21סטן אויג׳, 1954; ש. ביקל, די צוקונפֿט, נ״י, דעצ׳, 1954; ז. שזר, אור אישים, ת״א, 1955, זז׳ 195-207; ב. שעפֿנער, נאָוואָליפּיע 7, ב״א, 1955, זונצעטל; י. ראַדאַק, קונסט און קינסלער, נ״י, 1955, זז׳ 56-57; ל. שפּיזמאַן, געשיכטע פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער-באַוועגונג אין צפֿון-אַמעריקע, ב׳ 1 און 2, נ״י, 1955, זונצעטל; יעקבֿ גלאַטשטיין, אין תּוך גענומען, נ״י, 1956, זז׳ 42-47; ש. שרברק, זכרונות, ת״א, 1956, זז׳ 119 א״וו; וול. גראָסמאַן, אַמאָל און הײַנט, פּאַריז, 1956, זז׳ 179-180; ה. רויזנבלאַט, אידישער קעמפּער, נ״י, 23סטן מערץ, 1956; ז. ווײַנפּער, יידישע קולטור, נ״י, מערץ, 1956; נ. מײַזיל, נאָענטע און אייגענע, נ״י, 1957, זז׳ 83-94; די געשיכטע פֿון בונד, ב׳ 1, נ״י, 1960, זז׳ 72, 94, 100; ל. כאַנוקאָוו, ליטעראַרישע עסייען, נ״י, 1900, זז׳ 24 א״וו; ג. פּאָמעראַנץ, דער אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, 22סטן אויג׳, 1960; י. ישורין, די צוקונפֿט, יובל-נומער, נ״י, 1962; א. א. ראָבאַק, דהי סטאָרי אָוו יידיש ליטעראַטשור (ענגליש), נ״י, 1940, זז׳ 200-201.

א. א.

## ליעף (ליף), וויליאַם, ב. — (1872 — 1914 דעצ׳, 1938)

— געב׳ אין אַ שטעטל בײַ ווילנע, ליטע. געקומען קיין אַמעריקע אַ יונגער ייִנגל. געלערנט אין אַ „האַיסקול", געווען דערנאָך טעטיק אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין נ״י. מיטגרינדער פֿון פֿאָרווערטס (1897) און פֿון לואי מיללערס די וואַרהייט (1907), וואו אָנגעהויבן זײַן זשורנאַליסטישע טעטיקייט. 1912 זיך באַזעצט אין פֿילאַדעלפֿיע, געווען טעטיק אַרום די יידישע פֿאָלקסשולן פֿון יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פֿאַרבאַנד. בעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אַקטיוו אין „הילפֿס רעליעף" אין פֿילאַדעלפֿיע און אין דער אָרטיקער אָפּטיילונג פֿון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס. פֿון 1914 אָן געווען אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער און אַ צײַט אויך רעדאַקטאָר פֿון די אידישע וועלט, פֿילאַדעלפֿיע. געשטאָרבן אין פֿילאַדעלפֿיע.

די אידישע וועלט, פֿילאַדעלפֿיע, 14טן און 15טן דעצ׳, 1938; פֿאָרווערטס, נ״י, 15טן דעצ׳, 1938; י. חייקין, יידישע בלעטער אין אַמעריקע, נ״י, 1946, ז׳ 125; *American Jewish Yearbook*, 5700, 1939, p. 426.

ח. ל. פּ.

## ליפּאָווסקי, ישעיה — (1874 — אויגי, 1942)

— געב׳ אין מאָהילעוו, ווײַסרוסלאַנד. אין די יונגע יאָרן אַריבערגעפֿאָרן מיט די עלטערן אין אַ דאָרף בײַ וואַרשע. געלערנט אין חדר, דערנאָך זיך אָפּגעגעבן מיט זעלבסטבילדונג. געדינט אין דער צאַרישער אַרמיי, קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט, געפֿאָרן זיך קורירן אין אויסלענדישע סאַנאַטאָריעס, גלײַכצײַטיק פֿאָרגעזעצט זײַן שטודיום און באַקומען זײַן דאָקטאָר־טיטול אין עקאָנאָמישע וויסנשאַפֿטן פֿון אוניווערסיטעט אין בערן, שווייצאַריע. זינט סוף 1913 געלעבט אין וואַרשע, געווען אַקטיוו אין „בונד", אין דער געזעלשאַפֿט צו באַקעמפֿן אַנאַלפֿאַבעטיזם, שפּעטער אין „ציש״אָ". אין 1916 אָנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין די בונדישע לעבענס־פֿראַגען, וואַרשע. אין דעם זמ״ב קאַרל מאַרקס (וואַרשע, 1918) פֿאַרעפֿנטלעכט די אַרבעטן „קאַרל מאַרקס אַלס עקאָנאָמיסט" און „די געשיכטס־פֿילאָסאָפֿיע פֿון קאַרל מאַרקס". געווען באַטייליקט אויך אין די זמ״ביכער אונזער שטימע (וואַרשע, אויג׳־נאָוו׳, 1918) און אין די יערלעכע זאַמלונגען אַרבעטער־לוח (וואַרשע, 1920-1926). ל׳ איז געווען דער הויפּט־סטאַטיסטיקער בײַם דורכפֿירן די „דזשאָינט"־אַנקעטע וועגן דער יידישער אינדוסטריע אין פּוילן אין 1921 (די אַרבעטן און רעזולטאַט פֿון דער אַנקעטע זײַנען אַרײַן אין די דרײַ בענד יידישע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען אין פּוילן, וואַרשע, 1922-1924); איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿוןווירטשאַפֿט און לעבן (1920-1931) און בלעטער פֿאַר יידישער דעמאָגראַפֿיע, סטאַטיסטיק און עקאָנאָמיע (1923-1925) — ביידע אין בערלין; די קאָאָפּעראַטיווע באַוועגונג (1928-1939), פֿאָלקס־הילף (1931-1939) און דאָס ווירטשאַפֿטלעכע לעבן (1934-1935) — אַלע אין וואַרשע; ייִוואָ־בלעטער (1934-1939) און די יידישע עקאָנאָמיק (1937-1939) — אַלע אין ווילנע, א״אַ. אין וואַרשעווער געטאָ דורכגעפֿירט פֿאַרן „דזשאָינט" פֿאַרשיידענע פֿאָרשונגען וועגן יידישן לעבן אין געטאָ, דערין אויך וועגן די פּליטים, וואָס האָבן געוואַנדערט פֿון די שטעטלעך קיין וואַרשע בעת דער דײַטשישער אָקופּאַציע. ער איז אויך געווען אין דער אָנפֿירונג